**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/12/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 83 מיליאן דאלער פאר קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן איבער׳ן סטעיט**

***פראיעקטן געפונען זיך אין קאפיטאל דיסטריקט, פינגער לעיקס, לאנג איילענד, מאוהאק וואלי, נארט קאנטרי, דרום טייל, און מערב ניו יארק ראיאנען***

***נעסאוי קאונטי טרונק-וואסער פראיעקטן וועלן אדרעסירן אויפקומענדע פארפעסטיגונגען ביי וואסער באהאנדלונג איינריכטונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער ניו יארק סטעיט ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ האט באשטעטיגט איבער 83 מיליאן דאלער פאר טרונק-וואסער און מיסט-וואסער פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט. די פינאנצירונג רעכנט אריין גרענטס, פינאנצירונג פריי פון ריבית, און לאָו-קאָסט פינאנצירונגען וועלכע עס באזארגן קאסט-גינציגע לייזונגען פאר קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע היטן אפ וואסער קוואליטעט, אריינגערעכנט פיר טרונק-וואסער פראיעקטן אין נעסאוי קאונטי וואס צילט צו אדרעסירן אויפקומענדע פארפעסטיגונגען ביי מערערע איינריכטונגען.

"פארזיכערן אז די וואסער וואס ניו יארקערס טרונקען איז געהאלטן צו די העכסטע סטאנדארטן פון ריינקייט און איז דורכגעגאנגען שטארקע טעסטינג איז א פאראנטווארטליכקייט וואס מיין אדמיניסטראציע נעמט גאר ערנסט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג איז טייל פון אן אנגייענדע אנטשלאסנקייט פון די סטעיט צו פארזיכערן אז יענע סטאנדארטן ווערן אויפגעהאלטן און אז אונזער וואסער אינפראסטרוקטור ווערט ווייטער געהאלטן ריין פון אויפקומענדע פארפעסטיגונגען."

ניו יארק׳ס טרונק-וואסער סטאנדארטן פון פובליק וואסער סיסטעמס שטעלן מאקסימום פארפעסטיגונג שטאפלען (MCL) אויף 10 טיילן פער טריליאן (pbt) יעדע פאר פערפלואָראָאקטאנאָאיק (PFOA) און פערפלואָראָאקטאנעסולפאָניק אסיד (PFOS), און 1 טייל פער ביליאן (1 ppb) פאר 1,4-דייאָקסעין. די סטעיט׳ס שטאפלען פאר PFOA און PFOS זענען באדייטנד נידעריגער ווי די פעדעראלע איצטיגע אנגעוויזענע שטאפלען פון 70 pbt. אוועקשטעלן אזעלכע הויך באשיצנדע oMCL און פארלאנגנדיג אז יעדע פובליק וואסער סיסטעם צו ווערן רעגולער גע׳טעסט און געוואכט, אפגעזעהן פון זייער גרויסקייט, וועט פארזיכערן אז פארפעסטיגונג שטאפלען וועלן קיינמאל נישט שטייגן צום פונקט פון פאראורזאכן א פובליק געזונטהייט ריזיקע.

**׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ (EFC) פרעזידענט און CEO מאורין עי. קאלמען האט געזאגט,** "EFC פריידט זיך צו באזארגן די קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג צו אונזערע צוזאמענארבעטער אין ארטיגע רעגירונג צו שטיצן זייערע נויטיגע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מיר קוקן ארויס צו העלפן נאך פילע קאמיוניטיס מיט 400 מיליאן דאלער אין וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און אינטער-מוניציפאלע וואסער אינפראסטרוקטור גרענטס אלס טייל פון די גרעסערע

600 מיליאן דאלער צוגעשטעלט פאר וואסער קוואליטעט פראיעקטן ווי געמאלדן דורך גאווערנער האקול אין לויף פון קלימאט וואך. EFC בלייבט אנטשלאסן צו טרעפן נייע וועגן צו העלפן אונזערע צוזאמענארבעטער אונטערנעמען די העכסט-נויטיגע טרונק-וואסער און מיסט-וואסער פראיעקטן וועלכע זענען נויטיג אויף צו באשיצן די געזונט און לעבנס-קוואליטעט פון ניו יארקערס אויף פילע יארן אין דער צוקונפט."

דער באורד׳ס באוויליגונגען רעכענען אריין WIIA גרענטס און פינאנצירונגען דורך דער ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ (CWSRF) און ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ (DWSRF).

**ניו יארק סטעיט ׳דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראָנמענטעל קאָנסערוועישען׳ (DEC) קאמישענער און EFC פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "די מעלדונג טוהט אונטערשטרייכן ניו יארק סטעיט׳ס אנגעהאלטענע אנטשלאסנקייט צו העלפן קאמיוניטיס צו האבן צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער, באזארגן באשיצונגען צו פארמיידן זיין אויסגעשטעלט צו אויפקומענדע פארפעסטיגונגען, און זיך בעסער גרייטן פאר שווערע שטורעמעס און פלייצונגען געטריבן דורך די ענדערנדע קלימאט. גאווערנער האקול פארשטייט די וויכטיגקייט פון די פראיעקטן צו באשיצן פובליק געזונט, ווי אויך די נויט צו העלפן מוניציפאליטעטן טרעפן די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן כדי צו מאכן נויטיגע אינוועסטירונגען צו אפגרעיד׳ען וואסער אינפראסטרוקטור. די 83 מיליאן דאלער וועט העלפן קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט פאר מיליאנען ניו יארקער אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט."

**העלט דעפארטמענט (DOH) עקטינג עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער קריסטין פראוד האט געזאגט,** "די באדייטנדע פינאנציעלע פארשפרעכונגען העלפן קאמיוניטיס איבער׳ן סטעיט צו אינסטאלירן באהאנדלונגס טעכנאלאגיע וועלכע באשיצן טרונק-וואסער קוואליטעט און צו אינסטאלירן סעפּטיק סיסטעמס צו מאדערניזירן און פארבעסערן מיסט-וואסער אוועקפירן. די פראיעקטן זענען נויטיג אויף צו האלטן ניו יארקער און די ענווייראָנמענט געזונט."

**די פראיעקטן באוויליגט פאר פינאנצירונג רעכענען אריין:**

- **טאָון אָוו עליקאט אין טשאטאקווא קאונטי -** 403,800 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר די רעהאביליטירונג פון א 150,000-גאלאנדיגע וואסער סטארעדזש טאנק און פארבינדענע אפגרעידס.
- **דזשעריקא וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי -** 5,896,770 דאלער און 5,560,800 WIIA גרענטס פאר צוויי פראיעקטן פון אינסטאלירן פארגעשריטענע באהאנדלונגס סיסטעמס צו אדרעסירן 1,4-דייאקסעין און נייע געצייג ביי די איינריכטונגען.
- **שטאט ארליען אין קאטאראוגוס קאונטי -** 911,454 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר די ערזעצונג פון אומגעפער 4,300 גלייכע פיס וואסער מעין און פארבינדענע אויסריכטונגען.
- **שטאט ראטשעסטער אין מאנראו קאונטי -** 1,560,000 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר אינסטאלירן א פייפּליין באשיצונג סיסטעם און אינטערבאהעפטונגען פאר עקזיסטירנדע טראנסמיסיע מעינס.
- **שטאט ראום אין אניידע קאונטי -** 3,000,000 דאלערדיגע WIIA גרענט און 13,500,000 דאלערדיגע קורץ-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונגען פאר קאנסטרוקציע און אינסטאלאציע פון א נייע 500,000 גאלאן קאפאציטעט וואסער סטארעדזש טאנק, ערזעצונג פון 75,000 גלייכע פיס פון וואסער מעינס, פאמפ סטאנציע פארבעסערונגען, און עלעקטרישע טעלעמעטרי פארבעסערונגען.
- **טאָון אָוו סאוטהאמפטאן אין סופאלק קאונטי -** 1,059,113 דאלערדיגע WIIA פאר וואסער מעין אינסטאלאציע צו פארלענגערן די עקזיסטירנדע אויסטייל סיסטעם.

- **אפער מאוהאק וואלי ראיאנישע וואסער באָורד אין אָניידע קאָונטי -** 3,000,000 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון א 5,400 גלייכע-פיסיגע טראנסמיסיע מעין צו פירן וואסער פון דעם הינקלי רעזערוואר צו דער וואסער באהאנדלונג פאבריק.
- **ווילעדזש אָוו וועיווערלי אין טיאגע קאונטי -** 3,000,000 דאלערדיגע WIIA גרענט און 2,045,455 קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנצירונג פאר די ערזעצונג פון אומגעפער 16,000 גלייכע פיס פון וואסער מעין און פארבינדענע ווענטלעך, היידרעיטס, לעטערעלס, און פיקסטשורס.
- **ועסטבורי וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי -** 7,389,000 דאלער און 680,850 דאלערדיגע WIIA גרענטס פאר צוויי פראיעקטן פאר די אינסטאלאציע פון פארגעשריטענע באהאנדלונג סיסטעמס און נייע געצייג צו באהאנדלען וואלעטיל ארגאנישע קאמפאונדס און אויפקומענדע פארפעסטיגונגען.

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- **ווילעדזש אָוו בערגען אין דזשענעסי קאונטי -** 256,250 דאלערדיגע WIIA גרענט, 393,875 דאלערדיגע קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג, און 393,875 דאלערדיגע קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנצירונג פאר דער פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון א פארזאמלונג סיסטעם און מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען.
- **שטאט דונקירק אין טשאטאקווא קאונטי -** 11,387,106 דאלערדיגע לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר דער פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון די שטאט׳ס וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פראיעקט.
- **טאון אָוו לאקפארט אין ניאגארא קאונטי -** 587,500 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר פאמפ סטאנציע אפגרעידס.
- **נעסאוי קאונטי -** 2,794,688 דאלערדיגע לאנג-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג צו פלאנירן די איבערטויש פון די שטאט לאנג-ביעטש וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פאבריק אויף א פאמפ סטאנציע און צווינגען די מעין צו פירן מיסט-וואסער צו די בעי פארק סאַודזש באהאנדלונג פאבריק.
- **ווילעדזש אָוו אסוועגא אין טיאגע קאונטי -** 175,000 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען.
- **טאון אָוו סענעקע פאָלס אין סענעקע קאונטי -** 2,162,450 דאלערדיגע לאנג-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר סעניטערי סאַער רעהאביליטירונג און שטורעם סאַער פארבעסערונגען.
- **וואשינגטאן קאונטי -** 6,549,799 דאלערדיגע לאנג-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר פאמפ סטאנציע פארבעסערונגען און אינפילטרעישן און אינפלאָו לינדערונג.
- **שטאט וואטערטאון אין דזשעפערסאן קאונטי -** 6,978,406 דאלערדיגע לאנג-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר די פלאנירונג, דעזיין, און קאנסטרוקציע פון סלודזש וועקפירן פראצעס פארענדערונגען ביי דעם וויליאם טי. פיעלד מעמאריעל וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פאבריק. די שטאט איז אויך אויסגעטיילט געווארן 742,000 דאלער אין לאנג-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון אינפלוענט סקרין ערזעצונג און גריט סיסטעם פארבעסערונגען.
- **ווילעדזש אָוו יארקוויל אין אָניידע קאָונטי -** 2,736,013 דאלער אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר סאַער רעהאביליטירונג ארבעט.

דער CWSRF און דער DWSRF זענען EFC׳ס קערנדל פאנדינג פראגראמען. אינאיינעם מיט איר מיטארבעטער DEC, איז EFC פאראנטווארטליך פאר די אפעראציע און אדמיניסטראציע פון דעם CWSRF. דער CWSRF ערלויבט פאר EFC צוצושטעלן אינטערעסט-פרי אדער מינימאלע-

אינטערעסט ראטע פינאנצירונג און גרענטס צו שטיצן פארשידענע בארעכטיגטע מיסט-וואסער פראיעקטן. ענליך צו דעם טוט EFC אפערירן און אדמיניסטרירן דעם DWSRF, אינאיינעם מיט איר מיטארבעטער DOH, צו גיבן אינטערעסט-פרי אדער מינימאלע-אינטערעסט ראטע פינאנצירונג און גרענטס פאר טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

אפליקאציעס פאר די היי-יעריגע 400 מיליאן דאלער רונדע פון WIIA און IMG גרענט פאַנדינג אריינגערעכנט גרענטס צו אדרעסירן אויפקומענדע פארפעסטיגונגען וועלן ווערן אנגענומען ביז 5:00 נאכמיטאג. מאנטאג, נאוועמבער 22. אפליקאציע מאטעריאלן און מער אינפארמאציע קען מען געפונען אויף EFC׳ס וועבזייטל ביי efc.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418